0722 531 385

אין אידיש

גליון שבועי לעילוי אור הנשמה ע"פ משנת הבעש"ט הק' ותלמידיו

פרשת ויחי תשפ"ה / גליון קי"ט

הלימוד היומי בספרי חסידות

לשבוע הבעל"ט
ספה"ק **מאור עינים** (ויצא)

| יום | מד"ה |
|---|---|
| ראשון | ויצא יעקב מבאר שבע |
| שני | אך מכל מקום אף |
| שלישי | וזהו ויצא יעקב |
| רביעי | ולכן יאמין האדם |
| חמישי | וישא יעקב רגליו עד ד"ה והנה אם בא |

איינצושרייבן צו באקומען דעם חודש'ליכן קונטרס ביי אייך אינדערהיים, רופט 848-243-1624

מערכת "קול דודי"
א וועלט פון ליכטיגע חסיד'ישע שמועסן
אין אמעריקע
605.313.6695
אין אייראפע
033.0551.7811
ספעציעלע אפטיילונג
אוצרות המשפיעים
מסודר די שמועסן פון יעדער משפיע עקסטער אויף נומער 5

## חסיד'יש גערעדט

### א חסידי'שע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# א דאנק די שלעכטס

## וואו ווערט ריכטיג אויסגעדרוקט אז 'איך בין א איד און נישט קיין גוי' - אין בית המדרש ביי די גמרא, אדער אין גאס ביים אראפלאזן די אויגן?!

צומאל ליגן מיר פאר עטליכע שעה ברציפות אין חסיד'ישע געדאנקען, אין סיפורי צדיקים, אדער אין די פארשידנארטיגע מדרגות וועלכע זענען פארהאן אין עבודת ה' - וואס דאס פילט דאך אן אונזער ריזיגער ספרים שאנק פון 'ספרי חסידות', יעדע בלאט איז נאך א געוויסער סארט 'תענוג' און 'השגה' אינעם אויבערשטן. נאכן ליגן דערין פאר עטליכע שעה, גיבן מיר זיך א וועק אויף: "אוי, עס איז דא אזא געמיינע וועלט פון גשמיות! אוי, מען דארף זיך נאכאלץ היטן נישט דורכצופאלן אין קיין 'לשון הרע', אין קיין 'ראיות אסורות', אין קיין 'ליצנות', אין קיין 'תאוות', און אזוי ווייטער".

דער נפש גיבט זיך דעמאלט אזא צוקרעץ: "פארוואס באשעפער האסטו דאס באשאפן? וואלט דען נישט געווען אסאך בעסער, ווען מיר וואלטן נישט געהאט קיין שייכות מיטן גאנצן 'יצר הרע' און מיט דער גאנצער עבודה פון 'סור מרע'?! מען וואלט דאך געקענט שווימען אין אזא ים פון 'אור'?! און בכלל, וואס טוען מיר אויף מיטן זיך שטארקן אויף יצר הרע? בסך הכל האבן מיר זיך נישט דערווייטערט פון דיר, אבער מיר זענען אויך נישט נענטער געווארן! אנשטאט צו זיין פארנומען מיט געטליכקייט און דבקות - זענען מיר פארנומען מיט אזעלכע קלייניקייטן! אנשטאט אריינצוברענגען דיין אור אויף דער וועלט - האבן מיר בלויז געהיטן נישט צו פארטרייבן דיין אור! צי איז עס נישט א שאד אויף דער צייט?!".

## 'סור מרע' איז די גרעסטע 'התקרבות'

דער הייליגער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זי"ע, איז מסביר אין דער וואכנדיגער פרשה, א גרויסער יסוד אין דעם ענין. ער שטעלט א פראגע: פארוואס באקומען מיר בכלל 'שכר' אויפן טון מצוות, די משנה זאגט דאך (אבות פ"ב מ"ח): "אם למדת תורה הרבה אל תחזיק טובה לעצמך כי לכך נוצרת" - נעם נישט קיין קרעדיט פאר דיינע גוטע מעשים, ווייל דו ביסט באשאפן געווארן פאר דעם צוועק. נו אויב אזוי, פארוואס באקומט מען טאקע שכר?!

**"אַךְ עִקַּר קַבָּלַת שְׂכָרֵינוּ הוּא מִצַּד שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ נָתַן בָּנוּ יֵצֶר הָרַע הַמֵּסִית אוֹתָנוּ בְּכָל עֵת וָרֶגַע, וּמִתְגַּבֵּר עָלֵינוּ לְהִתְאַוּוֹת תַּאֲוָה וּלְהַרְהֵר חָלִילָה בַּעֲבֵרָה, וְכָל יֵצֶר מַחְשְׁבוֹתָיו רַק רַע כָּל הַיּוֹם. וְהָאָדָם עוֹמֵד כְּנֶגְדּוֹ, וּבְתַחְבּוּלוֹת יַעֲשֶׂה מִלְחָמָה נֶגְדּוֹ לְהִזָּהֵר וּלְהִשָּׁמֵר מִכָּל דָּבָר רָע מֵחֲנִיפוּת וּשְׁקָרִים וְלֵיצָנוּת וְלָשׁוֹן הָרַע וְתַאֲווֹת וְהִרְהוּרִים וְהַדּוֹמֶה לָהֶם, לָזֶה צָרִיךְ מִלְחָמָה וַעֲבוֹדָה רַבָּה לְשַׁבֵּר כֹּחַ הִתְאַוּוֹת הַיֵּצֶר הָרַע, וְזֶהוּ עִנּוּי וְסִגּוּף גָּדוֹל - עַל יְדֵי זֶה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְקַדְּשׁוֹ וּמְטַהֲרוֹ כְּאִלּוּ עָשָׂה מִצְוָה, כִּי עַל יְדֵי הַמִּצְוֹת אָנוּ מִתְקַדְּשִׁים וּמִתְטַהֲרִים כָּאָמוּר 'אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו'.**

**"וְזֶהוּ דְּאָמְרִינָן בַּגְּמָרָא 'הַיּוֹשֵׁב בָּטֵל וְאֵינוֹ עוֹבֵר עֲבֵרָה מַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִלּוּ עָשָׂה מִצְוָה', וְהַיְנוּ כַּנִּזְכָּר לְעֵיל, עַל יְדֵי שֶׁהוּא מְשַׁבֵּר כֹּחַ הַתַּאֲוָה שֶׁל הַיֵּצֶר הָרַע, שֶׁלֹּא לַחְטֹא חָלִילָה, עַל יְדֵי זֶה הוּא מִתְקַדֵּשׁ כְּאִלּוּ עָשָׂה מִצְוָה".**

> אנשטאט צו זיין פארנומען מיט געטליכקייט און דבקות - זענען מיר פארנומען מיט אזעלכע קלייניקייטן! אנשטאט אריינצוברענגען דיין אור אויף דער וועלט - האבן מיר בלויז געהיטן נישט צו פארטרייבן דיין אור!

דער רבי ר' אלימלך זאגט דא צוויי נקודות: **א.** דער 'סור מרע' איז נישט בלויז 'נישט התרחקות', נאר דאס גופא איז דאס 'התקרבות'! דאס מאכט אונז נענטער און הייליגער. **ב.** דוקא דאס וואס מען שטארקט זיך אויפן נסיון און מען באזיגט דעם יצר הרע - ברענגט דעם 'שכר'! ווייל ביי 'עשה טוב' איז נישטא אט דער נסיון און שווערע מלחמה.

## די זכיה אויסצורופן דעם אויבערשטנ'ס נאמען אין דער וועלט

לאמיר עס מסביר זיין מיט א דוגמא:

ר' משה וואוינט אינעם אידישן ניו יארק, און ער פירט זיך אויף ווי א איד. ער לערנט און דאווענט, ער טוט אָן טלית און תפילין, ער טוט מצוות - אלעס אויפן שענסטן פארנעם. אבער צי דען וועט איינער זיך געבן אמאל א שטעל אפ און זאגן: "פששש... גיב א קוק אויף ר' משה, דארט גייט א איד! ער רופט אויס אידישקייט!", אודאי נישט.

האט זיך אמאל געמאכט, אז ר' משה האט געדארפט זיין אין איינע פון די גוי'אישע אמעריקאנער שטאטן - צוליב זיינע געשעפטן. דארט איז נישטא קיין איין איד, א שטאט פול מיט גוים. אבער ר' משה פירט זיך דארט אויף ווי אן ערליכער איד, ער היט זיך די אויגן, ער גייט אנגעטון ווי א איד, ער עסט נישט קיין 'מאכל איסור'. און פלוצלינג, אלע דורכגייער אויפן גאס שטייען אין דער זייט און ווייזן מיטן פינגער: "פששש... דארט גייט א איד!". אינטערעסאנט, זיי האבן אים אפילו נישט געזען מיט קיין טלית און תפילין, און אויך נישט מיט קיין גמרא, נאר בלויז זיין 'סור מרע' - וואס ער איז אנדערש ווי א גוי - האט שוין אויסגעשריגן אז דא רעדט מען פון א איד וועלכער דינט דעם אויבערשטן.

קומט אויס: ביי 'עשה טוב' איז נאכנישט דא אזא ספעציעלער 'נחת רוח' פארן אויבערשטן, ווייל 'לכך נוצרת', עס איז פשוט געווען ערווארטעט, אז דער 'נברא' זאל צוריקגעבן זיינע כוחות וואס ער האט באקומען פונעם 'בורא' - אויף צו טון זיין רצון און פאלגן וואס ער האט געהייסן. אבער ביי דער 'סור מרע', דארט איז שוין פארהאן א ספעציעלער נחת רוח אויבן, ווייל 'סור מרע' איז דאך א 'חידוש'! סור מרע דרוקט אויס אן עכטער קשר! דארט דרוקט זיך אויס, אז דו ביסט א איד און נישט קיין גוי! און אויב אזוי גייען מיר ארויס מיט אן ענטפער: מיט אן 'התגברות' אויפן יצר הרע ווערסטו נישט בלויז 'נישט דערווייטערט' פונעם אויבערשטן, נאר פארקערט, יעצט ווערסטו ערשט דערנענטערט! יעצט ברענגסטו ערשט אריין זיין אור אין דער וועלט!

## ביי דיר אינדערהיים - מקום הבחירה

**"וְזֶהוּ יִשָּׂשכָר חֲמֹר גָּרֶם כוּ'. פֵּרוּשׁ 'יֵשׁ שָׂכָר' לְאָדָם עַל יְדֵי שֶׁהַ'חֲמוֹר' הוּא הַגּוּף הַחֹמֶר הַחוֹמֵד וּמִתְאַוֶּה, וְהָאָדָם מְשַׁבֵּר כֹּחַ תַּאֲוָתוֹ הוּא 'גּוֹרֵם' לוֹ לִשְׂכַר הַגָּדוֹל. 'רוֹבֵץ בֵּין הַמִּשְׁפְּתָיִם' - פֵּרוּשׁ הַלָּשׁוֹן שֶׁהוּא רוֹבֵץ בֵּין הַמִּשְׁפְּתָיִם שֶׁהַבְּחִירָה בְּיָדוֹ לְדַבֵּר בִּלְשׁוֹנוֹ כִּרְצוֹנוֹ. 'וַיַּרְא מְנוּחָה' - פֵּרוּשׁ וְאָדָם מְשַׁבֵּר כֹּחַ תַּאֲוָתוֹ וְאֵין רוֹאֶה רַק שֶׁיִּהְיֶה לוֹ מְנוּחָה מֵהַתַּאֲווֹת וְהַמַּחֲשָׁבוֹת זָרוֹת - עַל יְדֵי זֶה גּוֹרֵם לוֹ 'כִּי טוֹב', פֵּרוּשׁ**

המשך אין עמוד ב

הפצת הגליון בק"ק וויען נתנדב ע"י

# הקריאה מעוררת

**פארוואס איז אזוי וויכטיג פאר יעדן איד צו לערנען די פרשה פון אמרפל אדער די מעשה פון סדום? • וויאזוי גיבט דאס ליינען פרשת השבוע די כוחות הקדושה פאר א איד אויפן גאנצן וואך?**

משפיע: שלום וברכה, אברהם יצחק.

אברהם יצחק: א גוטן, היינט האב איך א אינטערעסאנטע זאך צו דערציילן פארן משפיע.

משפיע: לאמיר הערן.

אברהם יצחק: נעכטן האב איך דערציילט פאר א חבר אז לעצטע וואך האב איך געהאט א גאנצע שמועס מיטן משפיע אויף די גדלות פון קריאת התורה, און מיין חבר האט מיר געענפט א פאר גרויסע אויגן. כ'האב אים געוואלט איבערזאגן אלע זאכן וואס מ'האט גערעדט, אבער דעמאלטס האב איך באמערקט אז די גאנצע נושא איז איין גרויסע מאדנע זאך ביי אים. ער געבט מיר א זאג "ס'זעט מיר אויס גאנץ מאדנע צו זיך שטעלן רעדן וועגן קריאת התורה", ווי גלייך כ'רעד מיט אים פון פארקויפן די עליות... ער האט פשוט נישט געקענט פארשטיין אז ס'איז דא עפעס ספעציעל צו רעדן דערוועגן!

> **אלעס וואס ס'שטייט אין די תורה איז וויכטיג און שורש'דיג פאר יעדן איינציגן איד. יעדער איד אין שנת תשפ"ה וואס וויל נתקרב ווערן צום אויבערשטן און אויספירן זיין תפקיד, דארף קענען די אלע פרטים אין די תורה**

משפיע: נו נו, אין יעדע ישיבה איז דא אויך אפאר פשוט'ערע בחורים, כ'שטעל זיך פאר אז ער איז נישט ממש דיין חבר...

אברהם יצחק: אמת, אבער כ'האב דעמאלטס געכאפט אז ס'איז דא אסאך בחורים וואס זענען טאקע נישט מזלזל אין קריאת התורה, אבער זיי האבן אויך קיינמאל נישט געכאפט אז ס'איז א צייט ווען מ'איז מקבל נייע השפעות... איך אליינס האב קיינמאל נישט געכאפט ווי חשוב ס'איז! אמאל האב איך געהאלטן אז ס'איז א געוויסע הפסקה צווישן שחרית און מוסף, א געלעגנהייט פאר די פארשפעטיגערס צו ענדיגן דאווענען אדער א צייט צו מעביר סדרה זיין...

משפיע: אין הכי נמי, דאס איז איינס פון די מעלות פון איינמאל אויסשמועסן די זאך, ס'טוישט דאס בליק און צוגאנג דערצו, און ב"ה אז מיר האבן געהאט א געלעגנהייט צו רעדן דערוועגן!

אברהם יצחק: און יעצט? מ'גייט ווייטער, אדער ס'איז נאך דא וואס צו רעדן וועגן דעם?

משפיע: דער אמת איז, אז לעצטע וואך האבן מיר קוים אנגעהויבן עפענען די נושא, און אפאר נקודות האבן מיר נאר אנגערירט אויפן שפיץ גאפל. און ס'איז אוודאי נאך דא אסאך וואס צו מרחיב זיין, איבערהויפט ווען איך הער אז דו האסט תועלת דערפון. ווייל וואס קלארער א מענטש איז אין א זאך, קען ער מער אריינלייגן הארץ דערין.

אברהם יצחק: אויב מ'גייט ווייטער רעדן פון קריאת התורה, וואלט איך געקענט באשטיין אז מ'זאל אויסשמועסן דאס וואס מיר האבן אנגעהויבן לעצטע וואך, אז די פרשת השבוע איז נוגע יעדן איינעם בפרטיות. ס'איז גראדע באקאנטע ווערטער, אבער וואס מיינט עס? און וואס איז די משמעות פון 'הקריאה מעוררת את הזמן', ווען מ'ליינט די פרשה פון לבן און בתואל, ווערן זיי נתגלה אין בית המדרש...?

משפיע: ס'איז א גוטע שאלה, אבער צוערשט לאמיר פרובירן פארשטיין די עצם מושג פון 'קריאה מעורר את הזמן', און אפשר אזוי וועלן מיר אנקומען צו די פרטים פון וואס דו רעדסט.

אין אמת'ן אריין, די מושג 'הקריאה מעוררת את הזמן', ווי אויך דאס וואס מיר האבן גערעדט אז 'די גאנצע תורה איז שייך פאר יעדער מענטש אין יעדן זמן' - איז א ברייט-אויסגעשמועסטע נושא אין ספרי חסידות, אבער דא איז עס אונז ספעציעל וויכטיג ווייל ווען מ'פארשטייט עס, קען מען בעסער ארויסהאבן די גרויסע זמן פון קריאת התורה.

אברהם יצחק: נו, הנני מוכן ומזומן...

משפיע: קודם כל, לאמיר זיך קלאר מאכן א וויכטיגע יסוד, אז אלעס וואס שטייט אין די תורה איז נוגע יעדן מענטש! יעדער איד דארף מקבל זיין דעם כח הקדושה פון אברהם, יצחק און יעקב, די הייליגע אמהות, דעם כח פון יוסף הצדיק און די שבטים, דער זיכוך אין גלות מצרים, די אותות ומופתים ביי יציאת מצרים, קריעת ים סוף, מלחמת עמלק, די המן, בארה של מרים, מתן תורה און משכן, דור המדבר און די אידן וואס זענען אריין אין ארץ ישראל, דעם כח פון משה און אהרן און יהושע בן נון, און נאך אן א שיעור פרטים אין די תורה וואס איז וויכטיג פאר יעדן איינעם, א איד קען נישט אנקומען צו שלימות אן די אלע כוחות.

ביז דא איז קלאר?

אברהם יצחק: נישט אינגאנצן, אבער לאמיר קודם אויסהערן ביזן סוף.

משפיע: לאמיר גיין ווייטער. די תורה איז כולל תרי"ג מצוות, און יעדער ווייסט אז ס'איז דא אסאך מצוות וואס מ'קען למעשה נישט מקיים זיין, מצוות וואס זענען נישט נוגע היינטיגע צייטן, מצוות וואס געהערן אן נאר אין בית המקדש, נאר פאר כהנים, אדער פאר איינער וואס האט א פעלד או"וו. אבער מיר דארפן כאפן אז באמת דארף יעדער איד צוקומען צו יעדע איינציגע מצוה כדי אנצוקומען צו זיין שלימות, און נתקרב ווערן צום אויבערשטן! איי, פון וואו קענען מיר נעמען דעם כח פון די מצוות וואס מיר קענען בכלל נישט מקיים זיין? דעם כח פון אבות און די משכן און אלעס וואס מיר האבן דערמאנט, פון וואו? נאר דורך די תורה! ווייל דאס אליינס אז אלע מצוות און געשעענישן ווערן געברענגט אין די תורה, באדייט אז דער כח רוחני פון די אלע זאכן ליגט אין די תורה, דארט איז דער שורש פון די אלע זאכן! און ווען מ'לערנט תורה - ובפרט דורך קריאת התורה לויטן סדר הפרשיות וואס משה רבינו האט מתקן געווען - ווערט נשפע פאר אונז די אלע כוחות און אורות!

אברהם יצחק: איך פרוביר פארשטיין וואס כ'האב געהערט, כ'קען איבערזאגן די ווערטער, אז 'אלעס וואס ס'שטייט אין די תורה איז וויכטיג פאר יעדן איד', אבער ס'פעלט מיר נאר די הבנה פארוואס ס'איז אזוי? פארוואס דארפן מיר דעם כח פון אדם הראשון און נח אין די תיבה, אויך דעם כח פון מלחמת אמרפל און די מעשה מיט סדום? און בכלל, וואס מיינט אז 'מ'איז מקבל דעם כח'? וויאזוי איז שייך דער ענין פון שר המשקים והאופים און פיתום ורעמסס ביי יעדן מענטש?

## ס'איז נישטא קיין מעשה'לעך אין די תורה!

משפיע: קוק, אויב מ'וויל זיך נעמען צו יעדע איינציגע פרט און זען וויאזוי ס'איז שייך פאר יעדער מענטש, דארף מען אסאך לערנען ספרי תלמידי בעש"ט, ס'איז נישט עפעס וואס מ'קען צונעמען אויף איין פוס. יעדעס מאל דו לערנסט א מאמר אין ספרים הק', וועסטו פארשטיין נאך א נקודה וויאזוי די תורה ווערט נתלבש אין יעדן מענטש; וואס איז די חלק פון 'בלעם' וואס מיר האבן אין זיך, און די אתונו של בלעם או"וו. אבער מיט דעם אלעם איז יעצט וויכטיג ארויסצוברענגען דער עצם יסוד, אז אלעס וואס ס'שטייט אין די תורה איז וויכטיג און שורש'דיג פאר יעדן איינציגן איד. יעדער איד וואס שטייט אין שנת תשפ"ה און וויל נתקרב ווערן צום אויבערשטן און אויספירן זיין תפקיד אויפן וועלט, דארף קענען די אלע

## חסיד'יש גערעדט / המשך

המשך פון עמוד א

**שֶׁיֵּשׁ לוֹ הַשְׁפָּעוֹת מִשֵּׁם הָרַחֲמִים שֶׁהוּא גִּימַטְרִיָּא 'טוֹב' (במספר קטן)".** (זעה דארט מער באריכות זיין הייליג לשון. דער ענין ווערט אויך געברענגט פונעם בעש"ט און מגיד הק' זי"ע, און אויך אין 'קדושת לוי').

יעדער איינער קען זיך דאס אליינס פארטייטשן אין זיין אייגן לעבן. בשעת ווען מען ווארעמט זיך אין שטיבל מיט חסיד'ישע מעשיות פון צדיקים הקודמים, מען זיצט צווישן חברים עובדי ה' און מען ליגט אין חסיד'ישע ספרים, און מען איז דערהויבן און דבוק צום אויבערשטן - איז נאכנישט ארויסגעקומען דער אמת'ער קשר מיינער צום אויבערשטן, ווייל איך געפין זיך דאך אין א סביבה וואו יעדער איינער איז מקושר.

דער עכטער קשר וועט ארויסקומען בלויז דארט וואו עס זעט אויס אז עס איז יא שייך צו אפהאקן. דווקא ווען איך געפין זיך אינדערהיים אדער אויפן גאס, און דארט לאז איך נישט אפ דעם קשר צום אויבערשטן, אפילו אויב איך האב דארט נאכנישט געטון קיין מצוות בפועל, נאר בלויז זיך איינגעהאלטן פון עובר זיין עבירות - האב איך ארויסגעברענגט אן עכטער 'חיבור' און קשר צום אויבערשטן.

פרטים אין די תורה.

**אברהם יצחק:** איז די מעשה וואס איז געשען מיט בלעם טויזנטער יאר צוריק, איז וויכטיג אויך היינט?

**משפיע:** יא. דאס איז די נקודה וואס כ'וויל ארויסברענגען, ס'שטייט נישט קיין מעשה'לעך אין די תורה! ס'איז נישטא קיין איין מעשה אין די תורה! יעדעס ווארט אין די תורה איז א דיבור פון אויבערשטן וואס רעדט צו אונז אויך היינט. אויך היינט ווערט השי"ת נתגלה צו אונז און שיינט אריין צו יעדן איינעם בפרטות! און אויב דער אויבערשטער רעדט צו אונז, איז פשוט אז מ'דארף צוקומען צו דעם דיבור, נאר וואס? די גילוי פון 'בלעם', למשל, איז געשען בפועל אין די וועלט סך הכל איין מאל טויזנטער יאר צוריק. אבער די מציאות אלקית וואס ס'איז דא אין די ווערטער? איז שייך היינט פונקט ווי אמאל! ס'ווערט טאקע נתגלה אויף אן אנדערע צורה ווי דעמאלטס, אבער די עצם מציאות הרוחני אין די ווערטער געהערט היינט פונקט ווי דעמאלטס!

פון דא קען מען טראכטן מער פנימיות'דיג, אז אויב מיר רעדן פון דיבורי ה', איז עס נישט בלויז הוראות אין עבודת ה' וואס השי"ת זאגט אן, נאר ס'איז די גאנצע חיות פון די און אלע עולמות, ווייל די וועלט האט נישט קיין קיום אן דעם דבר ה' וואס איז עס שטענדיג מחיה ומהווה. און יעצט אז השי"ת האט מגלה געווען זיין דיבור אויף אן אופן פון פרשת בלק און בלעם, למשל, מיינט עס אז אין אלע עולמות טוט זיך יעצט פון פריש אפ די פנימיות הענין פון בלק ובלעם!

**אברהם יצחק:** און די זעלבע מיט יציאת מצרים, דור המדבר און דער משכן?

**משפיע:** יא! די גילוי הקדושה פון 'יציאת מצרים' און דעם 'משכן' איז א מציאות אלוקית און גילוי אלוקי וואס ווערט נמשך פון אויבערשטן אליינס צו יעדן איינציגן איד, אין יעדע זמן! אבער ווי געזאגט, די וועג וויאזוי די גילוי איז נתגלה געווארן אין איר צורה גשמית, איז בלויז געווען איינמאל טויזנטער יאר צוריק. אבער די אור הרוחני אליינס? האט נישט קיין שום שינוי, ס'שיינט און דערלייכט יעדן איינעם אין יעדן דור.

**אברהם יצחק:** פששש, ליינען דעם סיפור מיט נח און די מלחמת המלכים און יעקב'ס שאף, איז נישט קיין סיפור וואס איז אמאל געווען, נאר ס'געשעט ביי יעדן איינעם! כ'פרוביר עס צו פארדייען, ס'איז א נייע בליק אויף די השתלשלות פון כלל ישראל און פון די גאנצע וועלט!

**משפיע:** אבער לאמיר דיר מסביר זיין, פארוואס ס'מוז זיין אז יעדע ענין וואס ווערט געברענגט אין די תורה דארף נתגלה ווערן ביי יעדן איינעם. מיר דארפן פארשטיין, אז די גאנצע תורה איז איין גרויסע שלימות, ס'איז געבויט אויף א 'סדר אלוקי' ווי דער אויבערשטער וויל מגלה זיין זיין געטליכקייט פאר א איד אויף אזא סדר, אנגעהויבן מיט אדם הראשון, נח און די אבות הק', און ווייטער די גאנצע תורה מיט אירע אלע פרטים, און יעדער איד געהערט צו די שלימות! ווייל "קודשא ברוך הוא ואורייתא וישראל חד".

און די גאנצע גילוי פון קדושת התורה מיט אירע אלע פרטים, אלע וועגן וויאזוי א מענטש קען ווערן נתדבק צום אויבערשטן - איז מכוון אקעגן יעדער נפש מישראל, און דערפאר, אלע גילויים און כוחות וואס שטייט אין די תורה זענען שייך צום מענטש אליינס, זיי געבן אים כח און חיות, אזוי ווי מיר האבן גערעדט אז דער עיקר זמן ווען ס'ווערט נשפע די כוחות און אורות וואס זענען נכלל אין די תורה - איז ביים ליינען.

**אברהם יצחק:** מורא'דיג! קריאת התורה איז ממש די חיות פון א מענטש, פארוואס ווייסט נישט יעדער דערפון?

**משפיע:** מסתמא ווייסן יא אסאך מענטשן דערפון, אייגנטליך יעדער וואס קוקט אין ספרי חסידות זעט אז די גאנצע תורה איז שייך פאר יעדן מענטש און יעדע צייט. נאר וואס? מ'דארף עס איינעמען אין זיך, און נישט לאזן די געוואוינהייט זיך באהערשן אויף אונז.

## א נייע דערהער אין 'הקריאה מעוררת את הזמן'

**אברהם יצחק:** אבער ס'איז מיר נאך אלץ נישט אינגאנצן קלאר, פארוואס דארף מען דאס יעדעס יאר? מ'דארף טאקע יעדע חלק און פרשה אין די תורה, אבער נאכדעם וואס מ'האט עס איינמאל געהערט האט מען שוין מקבל געווען דעם כח און קדושה דערפון, פארוואס דארף מען עס איבער'חזר'ן יעדעס יאר?

**משפיע:** לאמיר דיר פרעגן אן אנדערע שאלה, פארוואס דארף מען יעדעס יאר האבן די זעלבע ימים טובים? פארוואס מוז א יאר האבן א פסח, שבועות, סוכות, ראש השנה און יום כיפור? נאר וואס? פונקט ווי יעדער מענטש איז א 'דבר השלם' וואס ענטהאלט אלע פרטים אין זיך, אזוי אויך א יאר איז איין גרויסע שלימות וואס ענטהאלט אלעס, און די שלימות געשעט יערליך דורכ'ן מענטש וואס איז ממשיך אלע אורות און קדושות פון די תורה אין אים אליינס. און דאס געשעט יעדער וואך מיט די אייגנארטיגע אור וואס ווערט נשפע בפרטות אין די פרשה, למשל ווען מ'ליינט סיי וועלכע מועד אין די תורה, אדער די מלאכת המשכן, אדער די מעשה האבות און די שבטים, דעמאלטס בשעת'ן ליינען שיינט אריין אינעם נפש דער כח הקדושה וואס דער נפש דארף כדי צו לעבן דעם יאר.

**אברהם יצחק:** הייסט אז יעדעס יאר האבן מיר דעם גאנצן סדר פון ימים טובים יעדע יו"ט אין זיין זמן, פסח ט"ו ניסן און שבועות ו' סיון, און אויסער דעם האבן מיר אויך די קריאה פון די ימים טובים...

**משפיע:** גערעכט, אונזער נפש דארף יעדעס יאר צוקומען צו די אור פון די ימים טובים, און זי איז עס מקבל אויף צוויי וועגן: איינס, מצד די סדר הפרשיות און צוויי, מצד די סדר פון זמני השנה.

**אברהם יצחק:** כ'שפיר אז כ'האב באקומען א מתנה - קריאת התורה..! יישר כח!

## פונקען / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט זי"ע

**ביי יעדן איינציגן איד איז דא א גוטע חלק, וואס עס איז נישטא ביי קיין שום אנדער איד, נאר ביי אים.**

**הרה"ק ה'חידושי הרי"ם זי"ע (ליקוטי הרי"מ, התחזקות)**



# פיס אין גן עדן

געווען איז דאס אין די בראשית יארן פון פשעווארסק אין שטאט אנטווערפן. די חסידים האבן שוין דארט געוואוינט, אבער זייער רבי, דער הייליגער רבי איציק'ל זי"ע האט זיך נאך אויפגעהאלטן אין פאריז.

און דעמאלטס איז ארויפגעקומען אויפן שולחן הקודש אין פאריז, די פארשלאג וואס האט געקאכט אין אנטווערפן, איבער אויפנעמען דעם בארימטן גאון רבי חיים קרייזווירטה זצוק"ל צו דינען אלס גאב"ד פון שטאט.

רבי איציק'ל האט גלייך מסכים געווען דערצו, אבער ער האט געבעטן אז דער גאון רבי חיים זאל אים קומען באזוכן אין פאריז.

גייט זיך רבי חיים צווישן די פאריזער גאסן, און ער ווייסט נישט אויב ער דארף גיין רעכטס אדער לינקס. ער האט נישט קיין אהנונג וואו דער פשעווארסקער רבי וואוינט, ער איז פשוט פארלוירן.

אויפאמאל גייט אים פארביי א חסיד'ישער איד מיט א הדרת פנים, און רבי חיים'ס אויגן לייכטן אויף. "אה, א אידישע געשטאלט אינמיטן די פאריזער גאסן...! לאמיר אים גיין פרעגן וואו כ'קען טרעפן רבי איציקל'ס הויז".

רבי חיים גייט צו צו דעם איד און פרעגט אים די שאלה, און גלייך ווייזט אים דער איד צוריק א ליכטיגע פנים: "איך גיי פונקט יעצט אהין, לאמיר גיין אינאיינעם".

די צוויי גייען צוזאמען, ווען אינמיטן וועג הייבט דער חסיד'ישער איד אן פארצושלאגן פאר רבי חיים'ן: "אפשר קענט איר מיטקומען מיט מיר צו א געוויסער עושר, כדי אים בעטן צו געבן געלט פאר א צדקה צוועק מיט וואס כ'בין יעצט פארנומען?"

רבי חיים פארשטייט נישט וואס דער איד וויל. "איך בין יעצט אויפן וועג צו רבי איציק'ל. און בכלל, כ'האב קיינמאל נישט געטון אין דעם פעלד פון שאפן געלט, כ'ווייס ניטאמאל וויאזוי די זאכן ארבעטן און וואס מ'דארף זאגן".

אבער דער איד לאזט נישט נאך: "פונדעסטוועגן, אפשר קענט איר מיטקומען מיט מיר, ס'וועט ברענגען זייער א גרויסע תועלת" בעט ער זיך ביי אים.

דער איד וויל אים נישט אפלאזן.

רבי חיים זעט אז דער איד האלט אים נישט ביים ארויסלאזן פון האנט... אן קיין אנדערע ברירה, שטימט רבי חיים צו צו פארקירעווען זיין וועג און באגלייטן דעם חסיד צום אדרעס.

רבי חיים קומט אריין צום גביר צוזאמען מיטן חסיד'ישן איד, און דער גביר שטעלט זיך אויף מיט גרויס יראת הכבוד, זעענדיג דעם איד וואס איז אריינגעקומען מיט רבי חיים. ער איז אים גלייך מכבד זיך צו זעצן ביים אויבן-אן, און ער ברענגט אים צו א טאץ לחיים און מזונות.

ביז אפאר סעקונדעס האט רבי חיים געכאפט די גאנצע זאך. דער איד וואס האט אים באגלייט ביז אהער, איז נישט קיין אנדערער ווי דער הייליגער רבי איציק'ל אליינס...

נאכן ארויסגיין, ווענדט זיך רבי איציק'ל צו רבי חיים און ער זאגט אים: "איר האט שוין יוצא געווען, איר קענט צוריק אהיימפארן".

און דעמאלטס האט אים רבי איציק'ל געגעבן צו פארשטיין: "פארוואס זענט איר אהערגעקומען? צו נעמען מיין הסכמה אויף אייער התמנות. נו. א הסכמה אז איר קענט לערנען - דארפט איר נישט נעמען ביי מיר. אבער כ'האב אייך געוואלט פארהערן אויב איר קענט זיין א רב פון א שטאט.

"א רב פון א שטאט דארף עוסק זיין אין צדקה און גמילות חסדים. ווייל ווען א איד איז אסאך עוסק אין תורה קומט זיך אים דאך אסאך שכר אויף יענע וועלט, און דעריבער, גלייך ווען ער קומט אן אויבן באקומט אסאך עולם הבא פאר די תורה וואס ער האט געלערנט.

"אבער נאך אלץ, אויב ער האט עוסק געווען בעבודת ה' נאר מיטן קאפ, דעמאלטס וועט ער נישט קענען אריינגיין אין גן עדן ווייל ס'וועט אים פעלן די פיס. דעריבער דארף ער ארומוואנדערן נאך געלט כדי צו האבן מיט וואס צו גיין אין גן עדן..."

שפעטער האט רבי חיים מעיד געווען, אז די ווערטער וואס איז ארויס פון אזא לב טהור, זענען טיף אריין אין הארץ, און דאס איז געווען דער כח וואס האט אים געטריבן צו טון די אלע וועלט-בארימטע מעשי צדקה וחסד אין וואס רבי חיים האט עוסק געווען מיט זיין גאנצן לייב און לעבן, ווי באקאנט.

מקור: מים חיים

# זיך איבערבעטן, וויאזוי? (ב)

## כ'בין נישט מסוגל זיך צו לאזן איבערבעטן מיט אים, וואס טוט מען?

## שאלה:

איינער האט מיר שטארק באליידיגט, אזוי אז כ'קען אים יעצט נישט דערליידן, כ'האב אים ממש פיינט. כ'ווייס אז ס'איז נישט גוט פאר מיר און נישט פאר אים און ס'האלט צוריק השראת השכינה, אבער די גרויסע שאלה איז: וויאזוי איז מען זיך מתפייס? ס'טוט מיר אזוי וויי! ס'איז מיר זייער שווער אים צו מוחל זיין, און פארשטייט זיך אז ער פון זיין זייט פרובירט ניטאמאל מיר צו מפייס זיין... וויאזוי ברענגט מען דערצו אז מיר זאלן זיך ביידע איבערבעטן?

## תשובה:

**לאמיר אין קורצן מסכם זיין וואס מיר האבן גערעדט פאריגע וואך.**

וואס דו דארפסט טון איז, פרוביר זיך צוזאמצוזעצן מיט אים ווי דער רמב"ם שרייבט כדי צו ארויסברענגען דיין ווייטאג פאר אים און אים דערציילן פון וואס דו ביסט געווארן באטראפן, און דערביי הערן וואס ער האט צו זאגן דערויף. דערנאך וועט דיר זיין גרינגער אים צו מוחל זיין און צו אויפפרישן אייער אמאליגע קשר. אבער דו דארפסט זיין פארזיכטיג, אז דער צוזאמטרעף און ארויסברענגען דיין ווייטאג זאל נישט זיין מיטן ציל אויפצאווייזן דיין רעכט און ווי שטארק דו ביסט באליידיגט. נאר פארקערט, דער ציל דארף זיין צו זען וויאזוי מ'קען זיך איבערבעטן און עפענען א נייע בלאט.

דערצו, דארפסטו קודם טון צוויי יסודות'דיגע זאכן. **ערשטע זאך** - טוישן דיין בליק אויפן פוגע. דאס מיינט, דארפסט כאפן אז כאטש ער האט דיר דא געטון א שרעקליכע זאך און ער האט דיר זייער באליידיגט, טוט עס נאכנישט אפפרעגן דעם מענטש אליינס. דאס בליק דארף זיין אז ער פאר זיך איז א טייערער איד, א חלק אלוק ממעל וואס האט אן א שיעור הערליכע מעלות, און די באטרעפנדע פגיעה איז א ספעציפישע זאך וואס איז נישט כולל דער גאנצער מענטש (און מיר האבן מרחיב געווען מיט אפאר ווערטער וויאזוי מ'קומט אן צו די סארט הסתכלות).

## ס'מוז נישט זיין אז ס'איז אזויווי דו מיינסט אז ס'איז!

אצינד לאמיר פארזעצן צו די **צווייטע יסודות'דיגע זאך** וואס דו דארפסט טון, איידער דו זעצט זיך צוזאם מיט דיין פיינט: **זיין גרייט צו הערן א גענצליך אנדערע בליק און גאנג אויף די מעשה וואס איז דא געשען.**

יעדע מעשה און פאל וואס געשעט אין די וועלט, האט אין זיך די **מעשה** און ס'האט די **אנאליזירונג** און **בליק** אויף די מעשה. לאמיר זאגן אז די עסק וואס האט זיך אפגעשפילט צווישן אייך, איז א געלט געפעכט איבער א גאנצע ביליאן דאלער וואס דו האסט גענומען פאר זיך, בשעת ער האלט אז ס'געהערט פאר אים, און דעריבער האט ער דיר באליידיגט און פארשעמט אויף א שרעקליכן פארנעם, פארנט פון הונדערט טויזנט מענטשן.

וואס ביי דיר איז פשוט און קלאר אז ס'איז פארגעקומען דא א געפערליך-אכזריות'דיגע מעשה, אבער דאס איז אינ'אמת'ן בלויז די **אנאליזירונג אויף די מעשה.** און ס'איז **דיין אנאליזירונג.** ווייל אין זיינע אויגן, האסטו אים בא'גנב'עט א גאנצע ביליאן דאלער, אזוי אז **זיין אנאליזירונג** אויף די מעשה איז, אז דו ביסט דער וואס האט אים געטון א געפערליך-אכזריות'דיגע זאך, און ער האט סך הכל מוחה געווען און געשריגן "פלניא גזלנא"! (מיר האבן גענוצט עקסטרעם ווייטע ביישפילן, כדי צו עס שארף ממחיש זיין).

**און נישט נאר דאס,** די חילוקים צווישן אייערע אנאליזירונגען מוזן נישט זיין מכח דעם ויכוח וואס איר האט צווישן זיך, ווייל ס'קען זיין אז אפילו אויב יענער איז מסכים צו דיין רעכט - וועט זיין אנאליזירונג בלייבן אנדערש ווי דיינס. ווייל אונזער אנאליזירונג אויף אלעס וואס געשעט קומט מכח אונזערע **תכונות הנפש,** מכח פארשידענע **הנחות** און וועלט-אויסקוקן וואס מיר האבן אפגעמאכט ביי זיך, און מכח אלע מיני **זאכן וואס מיר זענען דורך:**

למשל, ס'קען זיין א מענטש וואס זאגט דיר עפעס (-א מעשה), און דו שפירסט אז ער האט דיר שרעקליך באליידיגט (-אנאליזירונג 1), און ער האט ניטאמאל געשפירט אז ער האט דיר שרעקליך באליידיגט (-אנאליזירונג 2), וויבאלד זיין תכונת הנפש איז צו רעדן 'אפן', און היציג, דאקעגן דיין תכונות הנפש איז צו רעדן אויף א מער דיפלאמאטישע פארנעם; אדער ווייל ער איז דורך א שווערע יוגנט און אלס תוצאה איז ער געווארן א הארטער מענטש, ווידעראום דו ביסט דורך א ווייכע, פארפיעשעטע יוגנט וואס ערלויבט דיר נישט צו הערן אזעלכע דיבורים (און אזוי קען מען מאריך זיין מיט אן א שיעור ביישפילן, ואכמ"ל).

און אזוי ביי יעדע איינציגע מעשה, איז דא פארשידענע אנאליזירונגען וויאזוי מ'לערנט אפ די מעשה - לויט וויפיל מענטשן עס זענען אריינגעמישט אין די מעשה. ס'איז ממש שווער צו טרעפן אן ענליכע אנאליזירונג אויף די זעלבע מעשה, ווייל יעדער מענטש לערנט אפ די מעשה לויט א ברייטע סך-הכל פון זיינע פארשטאנדן געפילן און השקפת החיים, וואס יעדער איינער איז אנדערש פונעם צווייטן, אזויווי חז"ל זאגן "כשם שאין פרצופיהם שוות כך אין דיעותיהם שוות", און נאך אסאך מער ווי דעם זאגן חז"ל אז "אין שני נביאים מתנבאים בסגנון אחד", ווייל אפילו 'רוח הקודש' איז שורה אויף יעדן איינעם אויף אן אנדערע אופן.

און אויף דעם שטייט "אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו" - ווייל דו האסט נישט קיין מושג וואספארא בליק ער האט, און וויאזוי ער אנאליזירט יעדע זאך, וואס דעריבער פירט זיך אזויווי ער פירט זיך.

## דריי אראפ די פלאמען...

און די מציאות איז, אז רוב געפעכטן און מחלוקת און ווייטאגן שטאמען פון דיפערענצן אין אנאליזירונג. ווייל יעדער אנאליזירט א מעשה לויט זיין וועג, און ס'פאלט אים ניטאמאל ביי אז ס'איז פארהאן אן אנדערע און צומאל פארקערטע אנאליזירונג צו די מעשה, און דורכאויס די גאנצע צייט טראכט ער בלויז וויאזוי ער באטראכט די מעשה, דאקעגן אויך דער קעגנער טראכט בלויז וויאזוי ער אליינס זעט די מעשה, און די מחלוקת גייט עד לב השמים.

אויב ביידע זייטן וואלטן זיך צוזאמגעזעצט מיט אויפריכטיגקייט, כדי אויסצוהערן וויאזוי דער צווייטער צד זעט די פרטי המעשה, וואלט אויפאמאל נתגלה געווארן אז דער צווייטער צד קומט פון גאר אן אנדערע בליק, און ער אנאליזירט די מעשה אינגאנצן אנדערש. מעגליך אז די ויכוח וואלט געבליבן אין פלאץ, און ס'קען זיין אז דו וואלטסט געהאלטן אז דער צווייטער צד האט נישט ריכטיג אפגעלערנט די פאקטן, אבער די פייער און פלאמען וואלטן זיך היבש איינגעשטילט, און די וועג צו שלום וואלט געווען קורצער. ווייל ווען מ'פארשטייט אז יענער האט געטון דאס און דאס צוליב זיין קוק-ווינקל, וואס פון זיין קוק-ווינקל האט ער באמת נישט געטון אזא שרעקליכע זאך, ווערט אלעס ווייכער און ס'ווערט אסאך גרינגער זיך איבערצובעטן.

און דערפאר, איינס פון די עיקר תועלת'ן וואס מ'האט ביים ארויסברענגען דעם ווייטאג און זאגן "פארוואס האסטו מיר געטון דאס און דאס?" (אזויווי דער רמב"ם שרייבט) איז, אז מ'ווערט באמת גרייט צו הערן פארוואס יענער האט דיר געטון אזוי און אזוי. דאס הייסט, אויסער דעם וואס דו ביסט גרייט צו לאזן הערן דיין מיינונג און אנאליזירונג אויף די מעשה, וועסטו אויך זיין גרייט צו הערן זיין מיינונג און אנאליזירונג, וואס קען זיין אינגאנצן אנדערש ווי דיינס - מקצה אל הקצה. זיי גרייט צו ווערן איבעראשט.

## אפשר וועט ער זיין איבערראשט

**און אפילו ווען דו הערסט נישט קיין צווייטע בליק צו די מעשה- קען זיין אז דער צווייטער זייט וועט דא הערן א נייע בליק.** ווייל ס'קען זיין אז דער פוגע האט בכלל נישט געכאפט אז ער האט דיר באטראפן, און ער פארשטייט נישט פארוואס דו ביסט אזוי שטארק באליידיגט, און ווען ער וועט הערן דיין בליק אויף די מעשה, וועט ער פארשטיין וואס ער האט געטון צו דיר און דאס וועט אים צוברענגען זיך צו וועלן איבערבעטן מיט דיר.

אין אנדערע ווערטער: ס'קען זיין אז דו וועסט דא אנטפלעקן אז ער האט נישט געטון 'אזא' גרויסע עוולה, און ס'קען זיין אז ער וועט אנטפלעקן די גרויסע עוולה וואס ער האט געטון (אזוי צי אזוי קען נאר געשען ווען דו ביסט גרייט צו הערן זיין מיינונג און אנאליזירונג אויף די מעשה, ווייל אויב דו ביסט נישט גרייט צו הערן וואס ער האט צו זאגן, וועט ער נישט קענען הערן וואס דו האסט צו זאגן).

## למעשה

לאמיר נאר פארצייכענען אין קורצן נאך צוויי וויכטיגע נקודות:

**א.** זיי גרייט צו מקבל זיין די זאך פון א לאגישע שטאנדפונקט, און נישט פון א געפילישע שטאנדפונקט. ווייל צומאל, קען די רגש פארדרייען דעם שכל, איבערהויפט ווען ס'טוט וויי. מ'קען נישט אננעמען קיין זאכן, אפילו ווען ס'איז ריכטיג. דעריבער, דארפסטו זיך וואס מער האלטן מיטן שכל, און זיין גרייט אז אפילו אויב מיין פארווייטאגטע געפיל וועט נישט מסכים זיין עס אנצונעמען, וועט מיין מח זיין שליט על הלב.

**ב.** אויב ס'איז דא סיי וועלכע נושא וואס איז נישט בא'טעמ'ט צו רעדן דערוועגן, און ס'איז ליבערשט פאר דיר אדער דיין קעגנער עס צו פארוואסערן - זיי זיך מתגבר און לאז נישט די טעמע פארריקט ווערן אונטערן טעפיך, נאר דארפסט זיך איינ'עקשנ'ען עס ארויפצוברענגען אויפן טיש, מיט דיין אדער דיין קעגנער'ס גאנצע אומבא'טעמ'טקייט וואס איז דא אין דעם - פארשטייט זיך אויף א מכובד'יגע וועג וואס באטרעפט נישט קיינעם. ווייל דער כלל אין די זאכן איז, אז צומאל א זייטיגע פרט וואס מ'האט זיך נישט געוואלט באציען צו דעם און מ'האט עס פארווישט אונטער שווייגעניש, פלוצלונג שפראצט עס ארויס און די מחלוקת פלאמט אויף מיטן גאנצן קראפט ח"ו.

דעריבער זאלסטו זיך נישט צוריקהאלטן פון קיין שום נקודה, צועפן יעדע זאך אויף א ריכטיגע פארנעם (ווי גערעדט באריכות אין דעם פריערדיגן גליון), און דעמאלטס מיטן אויבערשטנ'ס הילף, וועט דאס ארויסברענגען דעם ווייטאג אליינס ברענגען די געוואונטשענע איבערבעטונג און שלום.

**מיט הצלחה און סייעתא דשמיא!**



אידישער הערצערווארטן אויף אביסל ליכטיגקייט אין עבודת השי"ת, אבער מ'ווארט אויף אייער שותפות
צו מנדב זיין א מאמר/אפטיילונג, אדער הפצה ביי אייך אין ביהמ"ד, אזוי אויך אויף אלע פרטים איבערן גליון
רופט אין מאנסי: 347.452.3118 אין וויליאמסבורג: 347.768.3577 אין בארא פארק: 347.520.8743
אימעיל DD0722531385@gmail.com | תורם צו זיין אויטאמאטיש: 347-428-6483